בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

ק"מ

יו"ל: ט"ו סיון ה'תשפ"ד לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30 יש להתקשר:

**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

**בקו 'מערכת ברסלב'**

**ארה"ק:** 02.560.7387

**ארה"ב:** 646.585.2985

**ענגלאנד:** 0330.390.0487

**בעלגיע:** 03.808.1775

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:**

**#2.1.2.1.1 ואח"כ #140**

# תוכן השיעור

**אים געפעלן דער טייטש**

**אוועקגעלייגט דער האנט אויפן אקסל**

**נישט געקענט קילן דאס הארץ**

**געגעבן דעם רבי'ן זעקס בענקלעך**

**"פון אזא מאן ווילסטו פרנסה?!"**

**נישט געגאנגען ווי געפּלאַנט...**

**נישט פאלן פון די נידריגסטע**

**פארברענט געווארן דאס העמד**

**"דראַפּע זיך און האלט זיך!"**

**יעדער איינער קען האבן התבודדות!**

**אז איין נאכט איז נישט ווי ס'דארף צו זיין...**

**עיקר השמחה על ידי זכרון בעלמא דאתי דייקא**

**נישט זיין קיין 'רואה פני גיהנום'**

**"טאטע, וואו דיין 'חוט של חסד ביום'?"**

**נישט געוואוסט אז זיין אידעם לערנט ליקוטי מוהר"ן**

ברכת מזל טוב מיוחדת לידידינו היקר

הרב **יוסף מענדל האס** שליט"א

**ראש המכון**

לרגל שמחת אירוסי בתו הבכירה עם החתן החשוב

כמר **שלום** נ"י בן הרה"ח ר' **מענדל לויפער**

שליט"א מחשובי אנ"ש דעיר מאנסי יצ"ו

ויהא רעוא שהזיווג יעלה יפה ויזכו לבנות בית נאמן בישראל על פי דרכי עצותיו של רביז"ל ותלמידיו

המברכים: **חברי המכון**

בס"ד

# פרשת כי תבא

**שנת תשל"א**

## אים געפעלן דער טייטש

רבי נתן איז מקורב געווארן צום רבי'ן תקס"ב אלול[א]. ער איז געווען ארומגענומען מיט מתנגדים. אז ער איז געקומען דאס ערשטע מאל צום רבי'ן דעם ערשטן ראש השנה, האט דער רבי דעמאלט געזאגט די תורה "בחצוצרות"[ב]. האט רבי נתן געזאגט, ער האט נאך אין דער תורה קיין געפיל נישט געהאט, נאר עס איז אים געפעלן דער אויסטייטש פון דעם פסוק: "אֹזֶן שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין"[ג].

דער רבי טייטשט דארטן איין[ד], "אוזן שומעת תוכחת חיים" - מען גיט מיט דעם 'אוזן' א 'תוכחה' אויפן מוח. "חיים" מיינט מען דעם 'מוח'. ווי אזוי גיט מען אים די

---

[א] עיין ימי מוהרנ"ת ח"א, אות ב'; חיי מוהר"ן אות קט"ו.

[ב] עיין חיי מוהר"ן אות א': הַתּוֹרָה בַּחֲצוֹצְרוֹת (ליקו"מ ח"א סי' ה') אָמַר בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה פֹּה בְּרֶסְלַב שְׁנַת תקס"ג. וְרֹאשׁ הַשָּׁנָה חָל אָז בְּיוֹם שֵׁנִי וּשְׁלִישִׁי. וְהוּא הָיָה רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָרִאשׁוֹן לִישִׁיבָתוֹ פֹּה וּלְהִתְקָרְבוּתִי אֵלָיו.

[ג] עיין אבניה ברזל אות ח': וְאַחַר־כָּךְ שָׁמַע מֵרַבֵּנוּ זַ"ל הַתּוֹרָה בַּחֲצוֹצְרוֹת סִימָן ה'. וְאָמַר שֶׁלֹּא הָיָה לוֹ שׁוּם הַשָּׂגָה בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל אֶלָּא הָיָה נִרְאֶה לוֹ הַפְּשָׁט שֶׁל הַפָּסוּק "אֹזֶן שׁוֹמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים" וְכוּ', כִּי זֹאת הָיָה נִצְרָךְ לוֹ מְאֹד כְּדֵי שֶׁיִּתְרַץ לוֹ עִקַּר הַקֻּשְׁיָא שֶׁל חוֹתְנוֹ הָרַב ר' דָּוִד צְבִי זַ"ל, מַה שֶּׁהַחֲסִידִים חוֹלְקִים זֶה עַל זֶה.

[ד] וזל"ש אות ד': וְזֶה פֵּרוּשׁ (מִשְׁלֵי ט"ו): **"אֹזֶן שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין"** לְשׁוֹן תְּלוּנָה וּמְרִיבָה. כְּשֶׁאַתָּה שׁוֹמֵעַ מְרִיבוֹת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים תֵּדַע, שֶׁזֶּה מַשְׁמִיעִין אוֹתְךָ תּוֹכָחָה, עַל שֶׁפָּגַמְתָּ בְּטִפֵּי מֹחֲךָ, שֶׁעַל זֶה נֶאֱמַר (מִשְׁלֵי ב): "כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן, וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים", שֶׁאַתָּה דָּבוּק בְּסִטְרָא דְּמוֹתָא, בְּחִינַת חָמֵץ, בְּחִינַת יָרַד גַּבְרִיאֵל וְכוּ', וְתֵדַע שֶׁנָּעַץ קָנֶה, הַיְנוּ חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת נְעוּצִים בְּיַם חָכְמָתְךָ,

תוכחה? דורך "בקרב חכמים תלין". "כשאתה שומע מריבות שבין הצדיקים" - אז דו הערסט עפעס א קריג ביי צדיקים, זאלסטו וויסן, "זה משמיעין אותך" - דאס מאכט מען דיר הערן, ווייל דו האסט פוגם געווען אין דיין מח. אז נישט וואלסטו גארנישט געהערט אז עס איז א קריג[ה].

רבי נתן האט געזאגט: "איך האב נאך אין דער תורה קיין געפיל נישט געהאט; נאר עס איז מיר געפעלן דער אויסטייטש פון דעם פסוק: 'אוזן שומעת תוכחת חיים, בקרב חכמים תלין'!".

## אוועקגעלייגט דער האנט אויפן אקסל

רבי נתן איז אבער געבליבן ביים רבי'ן גאנץ 'עשרת ימי תשובה', ער איז נישט אוועקגעפארן, איז אין די 'עשרת ימי תשובה' האט דער רבי מיט אים גערעדט.

---

וּבְוַדַּאי אִם לֹא הָיָה נִפְגָּם מֹחֲךָ, לֹא הָיָה נִשְׁמָע לְךָ מְרִיבוֹת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים, וְאֵין הַמְּרִיבָה אֶלָּא בִּשְׁבִילְךָ, כְּדֵי שֶׁתָּשׁוּב מִמָּוֶת לְחַיִּים.

[ה] עיין גם ליקוטי עצות ערך 'צדיק' אות ח': **מִי שֶׁרוֹצֶה לָחוּס עַל חַיָּיו צָרִיךְ לְהִתְגַּבֵּר שֶׁלֹּא יִשְׁמַע וְיַשְׁגִּיחַ כְּלָל עַל הַמְּרִיבוֹת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים הַשְּׁלֵמִים**, רַק לְהַאֲמִין בְּכֻלָּם, וְאַדְּרַבָּא כְּשֶׁשּׁוֹמֵעַ הַמְּרִיבוֹת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים יִקַּח לְעַצְמוֹ מוּסָר וְיִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיכָן הוּא בָּעוֹלָם, כִּי בָּזֶה מוֹכִיחִין אוֹתוֹ עַל שֶׁפָּגַם בְּטִפֵּי מֹחוֹ, כִּי בְּוַדַּאי אִם לֹא הָיָה נִפְגָּם מֹחוֹ לֹא הָיָה נִשְׁמָע לוֹ הַמְּרִיבוֹת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים, וְלֹא הָיָה נִכְנָס בְּלִבּוֹ שׁוּם קֻשְׁיָא עֲלֵיהֶם כְּלָל. וְעִקַּר הַמְּרִיבָה הִיא רַק בִּשְׁבִילוֹ, הַיְנוּ בִּשְׁבִיל זֶה בְּעַצְמוֹ הַנַּ"ל כְּדֵי שֶׁיָּבִין וְיִזְכֹּר עַל־יְדֵי הַמְּרִיבָה שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים הֵיכָן הוּא בָּעוֹלָם, שֶׁרוֹצִים לְגָרְשׁוֹ מִן הַחַיִּים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁהֵם הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, עַל־יְדֵי הַמְּרִיבָה הַזֹּאת, מֵחֲמַת שֶׁפָּגַם בְּטִפֵּי מֹחוֹ שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר: "כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים" (מִשְׁלֵי ב' יט). וּמִי שֶׁהוּא כְּסִיל וְאֵינוֹ מֵבִין אֶת זֹאת בֶּאֱמֶת, נִתְרַחֵק עַל־יְדֵי־זֶה וְאוֹבֵד אֶת עוֹלָמוֹ. אֲבָל מִי שֶׁרוֹצֶה לָחוּס עַל עַצְמוֹ בֶּאֱמֶת, אַדְּרַבָּא עַל־יְדֵי־זֶה דַּיְקָא נִתְעוֹרֵר וּמַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ הֵיכָן הוּא בָּעוֹלָם כַּנַּ"ל, וּמֵבִין שֶׁזֶּהוּ הַנִּסָּיוֹן שֶׁלּוֹ שֶׁצָּרִיךְ לַעֲמֹד בְּזֶה הַנִּסָּיוֹן שֶׁלֹּא יִשְׁמַע וְלֹא יִסְתַּכֵּל עַל הַמְּרִיבָה הַזֹּאת, וְנִתְקָרֵב דַּיְקָא עַל־יְדֵי־זֶה לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה עִקַּר תִּקּוּנוֹ לָנֶצַח. כִּי עִקַּר הַמְּרִיבָה שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים הִיא בִּשְׁבִיל זֶה דַּיְקָא בִּשְׁבִיל נִסָּיוֹן זֶה שֶׁיִּתְרַחֵק הַמִּתְרַחֵק, כִּי רָאוּי לְרַחֲקוֹ מֵחֲמַת שֶׁפָּגַם בְּטִפֵּי מֹחוֹ, וְאִם יִרְצֶה לַעֲמֹד בְּנִסָּיוֹן זֶה לְהָבִין מִזֶּה בְּעַצְמוֹ גֹּדֶל פְּגָמוֹ וְלֹא יִסְתַּכֵּל עַל זֶה, יִתְקָרֵב עַל־יְדֵי־זֶה דַּיְקָא, כִּי מֵחֲמַת שֶׁפָּגַם כָּל־כָּךְ אִי אֶפְשָׁר לוֹ לְהִתְקָרֵב, כִּי אִם עַל־יְדֵי נִסָּיוֹן זֶה דַּיְקָא וְהָבֵן. כִּי בֶּאֱמֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חָפֵץ חֶסֶד הוּא וְרוֹצֶה לְקָרֵב הַמְרֻחָקִים, אַף־עַל־פִּי שֶׁאֵינָם רְאוּיִים לְקָרְבָם, אֲבָל אֵין יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב כִּי אִם עַל־יְדֵי נִסָּיוֹן זֶה כַּנַּ"ל.

איך בין געווען אין ברסלב דארטן; ביי דעם רבי'נס בית מדרש איז געווען - עס האט געהייסן א "פריזבע" - אזא מין "איצטבא". איז צומאל פלעגט דער רבי זיך אוועקזעצן ביי 'דער' זייט און רעדן, און אמאל ביי 'דער' זייט[ו].

רבי נתן, וויפיל דער רבי האט מיט אים גערעדט, האט ער אים נאך אלץ נישט גענומען אז ער זאל שוין ווערן א מקורב. ביז דער רבי האט אוועקגעלייגט דער האנט אויפן אקסל, און האט אים אויסגעלאזט מיט די ווערטער: "און ווייטער איז זייער גוט אז מען רעדט זיך אוים דאס הארץ פארן אויבערשטן אזוי ווי פאר אַן אמת'ן גוטן פריינד!"[ז].

האט ער געטראכט: 'דורך אט די עצה קען זיין איך וועל ווערן אַן ערליכער איד!' - דורך די עצה[ח].

❖

[ו] עיין חיי מוהר"ן אות נ': וְהָיָה הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה יוֹשֵׁב אָז בַּחוּץ אֵצֶל כֹּתֶל בֵּית הַכְּנֶסֶת בַּדָּרוֹם אֵצֶל חֲתִיכַת בְּדַל עֵץ מִן הָעָב הַמֻּנָּח לִיסוֹד. כִּי שָׁם הָיָה רָגִיל לֵישֵׁב כַּמָּה פְּעָמִים לִפְעָמִים בְּצַד דָּרוֹם וְלִפְעָמִים בְּצַד צָפוֹן וְלִפְעָמִים בַּמִּזְרָח וְלִפְעָמִים בַּמַּעֲרָב, וְלִפְעָמִים בְּתוֹךְ הָעֲזָרָה שֶׁל בֵּית הַכְּנֶסֶת, וְלִפְעָמִים הָלַךְ עִמָּנוּ לְטַיֵּל עַל הָהָר שֶׁסָּבִיב הָעִיר, וְלִפְעָמִים הָלַךְ עִמָּנוּ אָנֶה וָאָנָה לִפְנֵי בֵּית הַכְּנֶסֶת. וּבְכָל אֵלּוּ הַמְּקוֹמוֹת שָׁמַעְנוּ תָּמִיד חִדּוּשִׁים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים וְשִׂיחוֹת קְדוֹשׁוֹת אֲשֶׁר לֹא נִשְׁמְעוּ כָּזֹאת מִיָּמִים רַבִּים.

[ז] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות ד'; אבניה ברזל אות ט'; הקדמת השתפכות הנפש.

[ח] וזל"ש בכוכבי אור: וּמִיָּד נִכְנְסוּ אֵלּוּ הַדִּבּוּרִים בְּלִבָּבוֹ כְּאֵשׁ בּוֹעֶרֶת מַמָּשׁ, **וְהֵבִין תֵּכֶף שֶׁעַל יְדֵי עֵצָה זֹאת בְּוַדַּאי יִהְיֶה נַעֲשֶׂה אִישׁ כָּשֵׁר כָּרָאוּי** כִּי כָּל מִינֵי מַחֲשָׁבוֹת שֶׁיְּסַבֵּב הַבַּעַל דָּבָר בְּדַעְתּוֹ וְכָל מִינֵי מְנִיעוֹת שֶׁיִּמְנָעֵהוּ כֻּלָּם יְסַפֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וִיבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים עַל כָּל דָּבָר שֶׁיַּעַזְרוֹ לִהְיוֹת כָּרָאוּי לְאִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי וְעַל יְדֵי אֵלּוּ הַדִּבּוּרִים קֵרְבוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּהִתְקָרְבוּת גָּדוֹל מְאֹד. גם עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"א: **אַף עַל פִּי שֶׁנִּמְצָאִים כַּמָּה עֵצוֹת טוֹבוֹת בְּסִפְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁהֵם מְלֵאִים עֵצוֹת לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַף עַל פִּי כֵן עַל פִּי רֹב קָשֶׁה לְהָאָדָם לְקַיֵּם הָעֵצָה בְּעַצְמָהּ. עַל כֵּן הָעִקָּר הוּא תְּפִלּוֹת וּתְחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה** עַל כָּל פָּנִים יְדַבֵּר בְּפִיו בְּאֵיזֶה בְּחִינָה שֶׁהוּא וִיבַקֵּשׁ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ תָּמִיד שֶׁיּוֹצִיא אוֹתוֹ מֵחֹשֶׁךְ לְאוֹר וְיַחֲזִירֵהוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה בֶּאֱמֶת וְאַל יִתֵּן דֳּמִי לוֹ עַד שֶׁיַּעֲנֵהוּ וְאַף עַל פִּי שֶׁהוּא קוֹרֵא וְצוֹעֵק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זֶה זְמַן רַב וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מְאֹד מְאֹד אַף עַל פִּי כֵן אִם יִהְיֶה חָזָק וְאַמִּיץ בִּתְפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת, בְּוַדַּאי סוֹף כָּל סוֹף יַעֲנֵהוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וִיקָרְבֵהוּ לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי בְּלִי סָפֵק רַק חֲזַק וֶאֱמַץ.

# נישט געקענט קילן דאס הארץ

נו, איז אזוי געווען, ער איז געווען ביים רבי'ן 'עשרת ימי תשובה'. דער רבי האט אים ארויסגעגעבן אסאך דארטן – א סדר אויפן טאג[ט]. דעם גאנצן סדר ווייסן מיר נישט, נאר אין דעם סדר איז אויך געווען 'אכצן פרקים משניות' יעדן טאג. אויך האט אים דער רבי געהייסן אפלערנען דעם ערשטן יאר אלע ארבעה שולחן ערוך'ס הגדולים!

(השואל: דאס הייסט - טור מיט ש"ך-ט"ז?) **יא יא.**

שפעטער האט ער אים געהייסן לערנען קבלה[י]; אבער דאס ערשטע יאר - נישט.

אין די 'עשרת ימי תשובה' האט ער באקומען אזא מין ברענונג צום אויבערשטן, אזא מין התלהבות צום אויבערשטן, אז ער האט נישט געהאט קיין ארט וואו ער זאל זיך אפקילן. אז ער האט געדאוונט - האט ער געברענט צום אויבערשטן, ער האט געפלאקערט צום אויבערשטן, ער האט געברענט מיט אזא מין התלהבות. דער אור פונעם רבי'ן איז עפעס אזוי אריין אין אים אז ער האט זיך נישט געקענט קילן דאס הארץ[יא].

אזוי אויך, די צייט האט אים נישט מספיק געווען - די פיר און צוואנציג שעה האבן אים נישט מספיק געווען. און זיינע רדיפות זענען געווען געוואלדיג גרוים.

עס איז געווען יענעם שמחת תורה (בנעמירוב), איז מען זיך צונויף געקומען אלע צוזאמען. רבי נתן האט געוואוסט אז ער דארף ענדיגן די שיעורים וואס דער רבי האט אים ארויסגעגעבן, האט ער אלעמאל געמוזט אפלאזן די חברים און אריינלויפן ענדיגן עפעס א שיעור. אז דער רבי זאגט - מוז מען דאך ענדיגן, מוז מען דאך מקיים זיין.

---

[ט] עיין חיי מוהר"ן אות תל"ה: כְּשֶׁהִכְנִיס אוֹתִי בְּהַתְמָדַת הַלִּמּוּד, וְצִוָּה עָלַי **וְקָבַע לִי שִׁעוּרִים גְּדוֹלִים בְּכָל יוֹם** ... וְאָז הָיָה רְצוֹנוֹ הַקָּדוֹשׁ שֶׁאֶגְמֹר **כָּל הָאַרְבָּעָה שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַגְּדוֹלִים בְּשָׁנָה אֶחָת.** וְקָבַע לִי שִׁעוּר לִלְמֹד חֲמִשָּׁה דַּפִּין בְּכָל יוֹם, וְכֵן קִיַּמְתִּי כְּמוֹ חֲצִי שָׁנָה וְגָמַרְתִּי כָּל הָאֹרַח חַיִּים עִם הַמָּגֵן אַבְרָהָם וְטוּרֵי זָהָב וְהַיּוֹרֶה דֵעָה עַד סָמוּךְ לְסוֹפוֹ ... וְאָז צִוָּה עָלַי **לִלְמֹד קַבָּלָה** וְכוּ'.

[י] עיין חיי מוהר"ן לעיל; ימי מוהרנ"ת אות ד'.

[יא] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אות ע"ד.

דער פאטער האט געזעהן ווי אלעמאל לויפט ער עפעס אוועק און ער לויפט אריין אין א צימער - ער לאזט איבער די חברים. האט ער געפרעגט: "וואס איז דאס?" - "וואס הייסט, דער רבי האט אים געהייסן לערנען אכצן פרקים משניות און נאך זאכן!" - "מיין נתן'לען הייסט ער לערנען אכצן פרקים משניות?!" - ער איז דאך געווען א למדן, א גאון.

אזוי אויך האבן זיי אים געזאגט: "ער גרייט זיך אוועקצופארן אויף דער נאכט צום רבי'ן". דאס הייסט, מוצאי שמחת תורה. דאס האט אים זייער געברענט, זייער געאַרט.

## געגעבן דעם רבי'ן זעקס בענקלעך

אז רבי נתן איז אוועקגעפארן און געקומען צום רבי'ן, האט דער רבי געזאגט דעמאלט דער תורה מ"ח - "על אשר מעלתם". די תורה איז געזאגט געווארן מוצאי שמחת תורה[יב].

רבי נתן איידער ער איז געקומען צום רבי'ן האט ער געהאט 'צער גידול בנים', עס איז אים געבוירן געווארן עטליכע קינדער, נאר זיי האבן זיך נישט (געהאלטן).

איז די תורה האט דער רבי געזאגט מוצאי שמחת תורה ווען רבי נתן איז געקומען. אז ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן, האט דער רבי געזאגט די תורה. דער רבי רעדט דארטן ארום אין דער תורה פון 'תפילה בכח', און אז 'סוכה איז מסוגל לבנים' - די אלע זאכן וואס דער רבי האט אים געזאגט איז אלץ געווען אין דער תורה.

דער רבי האט זיך אנגערופן צו אים און געזאגט: "עס איז מיר געקומען אויף דער דיעה דיין צער גידול בנים, נאר דערפאר וויל איך דו זאלסט מיר עפעס געבן; דערויף וואס איך בין דיר מקרב צום אויבערשטן - דארף איך נאר דיר צוצאלן, ['כי זכאה מאן דאחיד!'"[יג]].

---

[יב] חיי מוהר"ן נ"ט.

[יג] עפ"י זוה"ק תרומה דף קכח:

האט ער געקויפט דעם רבי'ן זעקס בענקלעך [- דער רבי איז דאך ארויס דעמאלט קיין ברסלב. האט אים דער רבי געזאגט: "דערפאר וועסטו האבן זעקס קינדער!"[יד]].
האט רבי נתן געהאט זעקס קינדער - פינעף זין, מיט איין טאכטער.

האט אים דאס באנק געטוהן, ווייל ווען ער קויפט ווען דעם רבי'ן א 'טוץ' (- צוועלף בענקלעך - וואלט ער געהאט צוועלף קינדער...

הכלל, האט ער געהערט די תורה "על אשר מעלתם" פון רבי'ן, און ער איז אוועקגעפארן.

## "פון אזא מאן ווילסטו פרנסה?!"

נאך סוכות איז אנגעקומען דער שווער "דער גרויסער רבי דוד צבי" קיין נעמירוב. האט ער געהערט אז ער איז געווארן א חסיד, האט ער געהאט דערפון גרויס מרירות. ער איז געווען זייער א געוואלדיגער מתנגד.

האט זיך אנגערופן צו אים רבי נתן'ס פאטער: "הייסט אים ער זאל איר געבן א גט!" - זיי זאלן זיך גט'ן. רופט זיך אָן דער שווער צו דער טאכטער: "לערנט ער כאטש?" זאגט זי: "ער לערנט נאך מער פון פריער!" - "אויב אזוי הייס איך דיר - 'נישט גט'ן'!".

אט דאס איז א איד א צדיק; כאטש ער איז א מתנגד, אבער וויבאלד ער לערנט - זאלסטו זיך נישט גט'ן!

(אמרה:) "טאטע, עס איז שוין אכט יאר נאך דער חתונה און ער טוהט גארנישט פאר פרנסה!". "פון אזא מאן ווילסטו פרנסה?!" – האט ער א זאג געגעבן דער טאכטער

---

[יד] עיין טעם זקנים קונטרס ל"ט.

**- "דו זאלסט זיך ראטשקעווען מיט דער נאז[טו], און שטיין מיט א מעסטל זאלץ[טז], און דו זאלסט אים געבן פרנסה!".**

זעהט מען דאס גרויסקייט פון די אמאליגע צדיקים; כאטש ער איז געווען א מתנגד - נאר ער האט געזעהן (ער לערנט - 'זאלסטו זיך נישט גט'ן - און דו זאלסט אים געבן פרנסה'!).

## נישט געגאנגען ווי געפלאַנט...

נאר וואס דען, זיי האבן געגעבן רבי נתן'ען 'זמנים קבועים' ווען ער זאל קומען צום רבי'ן. זיי האבן געזעהן אז זיי קענען שוין נישט פועל'ן ביי אים 'גארנישט' - אבער ביז חנוכה טאר ער נישט פארן צום רבי'ן. עס איז אוועקגעגאנגען שבת בראשית ביז אינמיטן פרשת נח.

סך הכל פון נעמיראוו קיין ברסלב איז זיבעצן קילאמעטער - נישט מער [- איך בין געווען דארטן, עס איז נאנט]. זאגט רבי נתן: **"געוואלד! דא איז דא אזא מין אור, און ער קען מיר מאכן אזוי ליכטיג, און מען האט מיר פארשפארט אז איך קען נישט קומען; ווי וועל איך עם אויסהאלטן ביז חנוכה? ביז חנוכה וועל איך דען אויסהאלטן נישט זיין ביים רבי'ן? ווי קען דאס זיין אין דער וועלט?!".**

האט ער זיך מיישב געווען אזוי; ער פלעגט ממילא אוועקגיין דארטן פון אינדערפרי - און קומען פארנאכט אהיים, ער איז דאך א גאנצן טאג געווען אין בית מדרש - וועט ער אפרעדן מיט א פירל זאל שטיין אונטער דער שטאט, און ער וועט ארויספארן א צוויי שעה צום רבי'ן, און זיין ביים רבי'ן א צוויי שעה, און קומען קריק, וועט דאס אויסקומען - א האלבן טאג, וועט מען דאך גארנישט וויסן אז ער איז אוועקגעפארן! - אזא מין חשבון האט ער געמאכט ביי זיך.

---

[טו] עיין ליקוטי הלכות הל' שכירות פועלים ה"ד, אות ד': כָּל הָעֲבוֹדוֹת שֶׁכֻּלָּם כְּלוּלִים בְּל"ט מְלָאכוֹת כֻּלָּם נִמְשָׁכִין מִבְּחִינַת בְּעִצָּבוֹן תֹּאכֲלֶנָּה בְּחִינַת בְּזֵעַת אַפֶּךָ תֹּאכַל לֶחֶם, **'בְּזֵעַת אַפֶּךָ'** דַּיְקָא, כִּי נִמְשָׁכִין מִבְּחִינַת כַּעַס וַחֲרוֹן אַף וְעַל כֵּן גַּם בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז נִקְרָאִין הַיְגִיעוֹת הַגְּדוֹלוֹת בְּשֵׁם יְגִיעַת הָאַף (כְּמוֹ שֶׁאוֹמְרִים עַל הַמִּתְיַגֵּעַ הַרְבֵּה **"עֶר אַקִירְט מִיט דֶער נָאז"**).

[טז] עבודה זו של מכירת מלח ברחוב היתה מהעבודות העניות והבזויות ביותר. (רלוי"צ, שיש"ק חדש ח"ב, אות פ"ז, הערה פ"ח)

דעמאלט אין די צייט אין אוקריינע, נאך סוכות, הויבט אָן גיין די גרויסע רעגנעס - א חודש צייט רעגנט און רעגנט. אז ער איז ארויסגעפארן פון נעמיראוו האט אנגעהויבן גיין א רעגן, איז געווארן א גרויסע בלאטע, און די פערד גייען אזוי זייער לאנגזאם. ווען ער איז אנגעקומען צום רבי'ן איז שוין געווען שפעט, האט ער שוין געזעהן אז ער וועט שוין נישט קענען (זיין צוריק אז מען זאל נישט וויסן אז ער איז געפארן) - נישט אזוי ווי ער האט געמאכט דעם פלאן...

דעמאלט אז ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן, האט אים דער רבי אזוי געזאגט: "אז מען וויל זיך מקרב זיין צום אמת, איז זיך מתגבר דער שקר; דארף מען זיך אבער ציען צום אמת - 'וואו איז אבער פּ-א-ר-ט דער אמת?!'".

"וואו איז אבער פּ-א-ר-ט דער אמת?!".

דער רבי האט אים דעמאלט געזאגט דער תורה "צוהר תעשה לתיבה" - תורה קי"ב[י]; דער רבי רעדט דארט אין דער תורה פון 'אמת'; "והמשכיל המבין זאל ער בעטן 'כל ימיו' ער זאל כאטש רעדן איין 'דיבור של אמת'!".

❖

## נישט פאלן פון די נידריגסטע

אויך האט אים דער רבי דעמאלט אזוי געזאגט: "מען דארף זיך ציען צו דער העכסטער מדריגה, און נישט אראָפּפאַלן פון דער נידריגסטער מדריגה!".

אט דער דיבור איז א געוואלדיגער דיבור; א מענטש אז ער ציהט זיך צו דער העכסטער מדריגה - און ער פאלט - און ער ציהט זיך ווייטער צו דער העכסטער מדריגה - און מען גיט אים אזא מין פאל, פונדעסטוועגן - "נישט אראפפאלן!" - דעמאלט האט אים דער רבי געזאגט די ווערטער.

"דו דארפסט זיך ציען צו דער העכסטער מדריגה, און נישט אראפפאלן פון די נידריגסטע!" - עס איז דאך א געוואלד!

---

[י] עיין פרפראות לחכמה: מאמר זה נאמר בתחילת חורף תקס"ג, ויש בזה סיפור שלם ויבואר קצת במקום אחר. גם עיין חיי מוהר"ן אות ג'; נ"ט.

אט דאס איז געווען רבי נתן![יח]

## פארברענט געווארן דאס העמד

ביים רבי'ן איז געווען נאך א תלמיד, ער האט געהייסן ר' שמואל אייזיק, ער איז נפטר געווארן תקפ"ז, זעכצן יאר נאכן רבי'נס הסתלקות.

דער ר' שמואל אייזיק איז געווען א געוואלדיגער פייער, א געוואלדיגער ברען. ער האט אמאל אזוי געזאגט: "אויב ער זאל וויסן אז ער זאגט היינט דעם אייגענעם

---

[יח] עיין כוכבי אור, חכמה ובינה אות ל"ט: וְתֵכֶף בְּעֵת הִתְקָרְבוּתוֹ גִּלָּה אַדְמוֹ"ר זַ"ל אֶת הַתּוֹרָה קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ, לְמַעַן הוֹדִיעַ עַל יָדוֹ אֶת הַבָּקִי בְּשׁוֹב לְכָל הַמֻּנָּחִים בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, וְכַמּוּבָן לְמַשְׂכִּיל גַּם בְּהַתּוֹרָה 'כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם' לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז' שֶׁאֲמָרָהּ קֹדֶם הִסְתַּלְּקוּתוֹ, וְרִמֵּז בָּהּ סְמִיכָה לְמוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל שֶׁכָּל הֶאָרַת הַתַּלְמִיד יְ'הֹ'וֹ'שֻׁ'עַ הוּא בְּסוֹד "יְ'קוּמוּן, הָ'קִיצוּ וְרַ'נְּנוּ שׁ'וֹכְנֵי עָ'פָר" (יְשַׁעְיָה כ"ו) וְכַאֲשֶׁר נִרְאֶה וְנוֹדָע לְכָל מַבִּיט וּמִסְתַּכֵּל בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁמַּרְבֶּה לְדַבֵּר מִכָּל הַמִּדּוֹת טוֹבוֹת וִישָׁרוֹת, **אֲבָל עִקַּר וְרֹב דְּבָרָיו יְסוֹבְבוּ עַל עִנְיַן הִתְחַזְּקוּת לְחַזֵּק וּלְאַמֵּץ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים וְהָעֲיֵפִים וְהַיְגֵעִים, אֲשֶׁר עֲמָלֵק רוֹדֵף אַחֲרֵיהֶם, לְבַל יִתְיָאֲשׁוּ עַצְמָם מִן הָרַחֲמִים**, כִּי הוּא יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַב לִסְלֹחַ, עכ"ל גם עיין פרפראות לחכמה על תורה ו', וזל"ש: מה שאמר להר"ר נתן ז"ל שבכל מקום שמתוועדים יחד רבי ותלמיד הוא בחינת משה ויהושע ואוהל מועד ולדעתינו העניה יש בזה דברים גבוהים ורמים, כי רמז בזה סוד ההתקשרות בינו ובין תלמידו הקדוש הר"ר נתן ז"ל כי מאמר זה נאמר סמוך מאוד להתקרבותו אליו ז"ל, ומי שבקי קצת בספריו הקדושים של הר"ר נתן ז"ל, והכיר אותו בחייו ושמע דבריו ושיחותיו הקדושים ובקי קצת בעניניו וסיבותיו אשר עברו עליו יבין בלבו ויראה בעיני שכלו ממש כי היה מבחינה זו הנ"ל, **כי רוב דבריו המה מהתחזקות בעבודת ה' לבלי לייאש עצמו שום אדם מישראל רק כל אחד ממקומו ידרוש ויבקש את ה' שזה בחינת בקי בשוב** המבואר במאמר הנ"ל, שזה בחינת נקודה התחתונה בחינת יהושע ועיין עוד בליקוטי תניינא במאמר כי מרחמם ינהגם סימן ז', שם מדבר גם כן משני הבחינות המבוארים כאן וקורא אותם שם בשם דרי מעלה ודרי מטה בן ותלמיד ומבואר שם שבחינת התלמיד הוא בחינת יהושע ר"ת יקומון הקיצו ורננו שוכני עפר, היינו מה שצריכין לחזק הדרי מטה שוכני עפר שהם בתכלית שפלות המדריגה לבלי יתיאשו עצמן ולבלי יסוגו אחור לגמרי חס ושלום, רק ידעו כי ד' גם אתם ועמם ואצלם, ע"ש התחזקות גדול ונורא ומאמר כי מרחמם הנ"ל נאמר בשבת חנוכה שנת תק"ע שהוא שנה האחרונה מימי חייו הקדושים של רבינו הקדוש ז"ל, ושם מוזכר ענין של ויהושע בן נון מלא רוח חכמה כי סמך משה את ידיו עליו ושמעתי מאבי ז"ל ששמע מזקני תלמידיו הקדושים של רבינו ז"ל, שהבינו אז מרמיזותיו הקדושים של רבינו ז"ל שבמאמר זה נתן סמיכה לתלמידו הקדוש הר"ר נתן ז"ל **ובאמת רוב שיחותיו הקדושות של הר"ר נתן ז"ל היה בענין זה לחזק את כל אחד מישראל בהתחזקות גדול נפלא ונורא מאוד לבלי יתייאש עצמו חס ושלום לגמרי רק שאיך שהוא אף על פי כן יתעורר ויתחזק מעתה על כל פנים לעבודת השם יתברך ממקום שהוא שם וכו'**, וכמבואר מזה נפלאות הרבה בספריו הקדושים.

**'שמע ישראל' וואס ער האט געזאגט נעכטן, וואלט ער אוועקגעלייגט דעם קאפ ביים שוועל - מען זאל אים אפהאקן דעם קאפ - זיין לעבן איז אים נישט ניחא!".**

האט מען דאס דערציילט רבי נתן'ען אז ר' שמואל אייזיק זאגט אזוי. האט רבי נתן א זאג געגעבן אזוי: **"אים האט דער רבי געפירט אויף א שארף פון א שווערד - און ער איז ביינגעקומען. מיר האבן פונעם רבי'ן נישט אזוי מקבל געווען, מיר האבן מקבל געווען פון רבי'ן, אז מען קען נישט דאווענען יום כיפור - דאוונט מען צו גא-ט'ס נאמען!".**

"גא-ט'ס נאמען" הייסט, א טאג נאך יום כיפור הייסט "שם ה'". דער רבי זאגט דאך אין דער תורה אין דעם אנדערן חלק: "וזה שקורין העולם את מחרת יום הכיפורים שם ה'" - אין תורה ס"ו.

❖

איך האב געהערט פון איינעם[ט] וואס זיין טאטע איז געווען א מופת פון ר' שמואל אייזיק'ן - זיין טאטע איז געבוירן געווארן דורך ר' שמואל אייזיק'ס א מופת. זיין זיידע - זיין טאטן'ס טאטע האט געהאט נקיבות נאך ביים רבי'נס לעבן, אבער זכרים האט ער נישט געהאט. נאכן רבי'נס הסתלקות האט ער זיך צוגעטשעפעט צו ר' שמואל אייזיק'ן - 'ער וויל האבן א בן זכר!' האט אים ר' שמואל אייזיק געזאגט - "יא!" - ער זאגט אים צי א בן זכר - נאר ביז דאס קינד וועט ווערן זיבן יאר זאל ער אים צוטראגן אלע ערב ראש השנה א פאָר וועש.

ער (- ר' שמואל אייזיק) איז געווען אַן ארעמאן, און יענער איז געווען א גרויסער גביר. ר' שמואל אייזיק האט נישט געוואלט מער נאר אז ער זאל אים צוטראגן ערב ראש השנה א פאָר וועש, מער דארף ער נישט. איז טאקע אזוי געווארן.

דער איד וואס איך האב אים געקענט - זיין טאטע איז געבוירן געווארן פון דעם - ער האט געהייסן ר' נחמן. דערציילט מיר דער איד, אז זיין טאטע איז אלט געווארן

[ט] עיין שיש"ק (ישן) ח"ג, אות ר"ג, שרלוי"צ שמע מאת ר' אייזיק קראסינשטיין, שאביו ר' נחמן קראסינשטיין נולד מברכתו של ר' שמואל אייזיק אחר שהבטיח זאת לאביו ר' משה עיי"ש.

פינעף יאר, פלעגט אים שוין דער פאטער מיטנעמען קיין אומאן, פלעגט דאס קינד שוין אליין צוטראגן ר' שמואל אייזיק'ן דאס פאר וועש.

ביי דאס ארט וואו ר' שמואל אייזיק האט געדאווענט ראש השנה, האט מען נישט געקענט צוגיין צו דעם ארט, ער איז געגאנגען מיטן טלית איבערן קאפ, אזוי ווי א קעסל קאכט - אזוי האט דארט געקאכט! מען האט נישט געקענט צוגיין צו דעם ארט!

אזוי האט ער געברענט און געפלאקערט!

ער פלעגט זיך שטעלן דאווענען מנחה ערב ראש השנה, (און געדאווענט אין איין צי) דעם גאנצן מעת לעת - ביז מען האט געענדיגט דאווענען מנחה פון ראש השנה (דעם ערשטן טאג). נאר נאכמיטאג האט ער געמאכט קידוש, עפעס טועם געווען דארטן. א גאנצע נאכט איז ער געווען אויף, און געלאפן אין מקוה אריין - א גאנצן מעת לעת איז ער (געשטאנען און געדאווענט).

האט ער מיר דערציילט, ר' שמואל אייזיק איז געגאנגען אזוי אנגעטוהן, דער טלית קטן, די וועש, א קיטל, און פון אויבן דעם טלית. אמאל נאכן מעת לעת ווען ער האט אויסגעטוהן דאס קיטל, איז דאס אונטערשטע האלבע העמד אראפגעפאלן - און דאס אנדערע האלבע העמד איז געבליבן פון אויבן... (ער האט געדאווענט) מיט אזא מין פייער - עס איז פשוט פארברענט געווארן! מיט אזא מין ברען - א מין התלהבות געווען!

האט ער גענומען פון רבי'ן אזא מין וועג, אזא מין גאנג, אזא מין ברען צום אויבערשטן, אזא מין פלאקער.

אבער א וועג פאר אלעמען - דאס האט דער רבי געגעבן דורך רבי נתן'ען!

## "דראַפּע זיך און האלט זיך!"

דער רבי האט אים געזאגט: "מען זאל זיך ציען צו דער העכסטער מדריגה, און נישט אראפפאלן - - "

דאס איז נישט קיין קליינע זאך; אז א מענטש וויל זיך זעהן דאווענען - א דאווענען אזוי ווי איינער וואס דאוונט - גיט מען אים א קלאפ אראפ, מען לאזט אים נישט. דאס אז ער זאל נישט אראפפאלן ביי זיך - 'האלט זיך ווייטער' - דאס איז א געוואלדיגע התחזקות.

עס איז טאקע ידוע די מעשה מיטן חלום מיט רבי נתן'ען איידער ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן, מיט דעם לייטער - "דראפע זיך און האלט זיך!"; ער איז אלעמאל אראפגעפאלן[כ].

אמאל איז דאס שוין אויך געווען; אין רבי'נס צייטן פאר הונדערט-זיבעציג יאר איז אויך געווען וואס ס'איז זייער שווער געווען אז מען זאל גיין כסדר מיט דעם וועג פון דער קדושה.

דער רבי דערציילט דאך אליין אין דעם אנדערן חלק: "**צדיקים האבן אים געזאגט: 'אויף זיי איז אויך איבערגעגאנגען אסאך, וואס ווען זיי זאלן האבן התחזקות, וואלטן זיי ווען געלאפן און געלאפן'!**" - אין דעם אנדערן חלק אין תורה מ"ח[כא].

❖

---

[כ] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אות ל"ד; אבניה ברזל אות ג': פַּעַם אַחַת יָשַׁב עִם חֲסִידִים מִתַּלְמִידֵי הָרַב מִבַּארְדִיטְשׁוּב בִּסְעֻדַּת מְלַוֵּה מַלְכָּה, וְהִפִּילוּ גּוֹרָל בֵּינֵיהֶם: אֶת מִי לִשְׁלֹחַ לִקְנוֹת "בֵּייגְל" עֲבוּר הַסְּעֻדָּה, וְנָפַל הַגּוֹרָל עַל מוֹהַרְנַ"תְּ זַצַ"ל, וְהָלַךְ לִקְנוֹת. בְּאֶמְצַע הַדֶּרֶךְ נָפַל עָלָיו מְרִירוּת גָּדוֹל מֵעִנְיַן הָעֲלִיּוֹת וְהַיְרִידוֹת, שֶׁהָיָה לוֹ אֲפִלּוּ אַחַר הִתְקָרְבוּתוֹ לַחֲסִידִים, וְנִכְנְסוּ בּוֹ הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, וְחָשַׁב וְהִרְהֵר לְעַצְמוֹ: "וְכִי עַל זֶה נִבְרֵאתִי לֵילֵךְ לִקְנוֹת בֵּייגְל?" וְהָיָה קָשֶׁה עָלָיו לְחַזֵּק עַצְמוֹ, וְגַם קִנֵּא מְאֹד כְּשֶׁרָאָה אֲנָשִׁים זְקֵנִים בְּנֶעמִירוֹב שֶׁאוֹמְרִים "שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם" בְּלֵיל שַׁבָּת מֵעֹמֶק הַלֵּב בֶּאֱמֶת, וְלֹא הָלַךְ יוֹתֵר לִקְנוֹת בֵּייגְל, אֶלָּא הָלַךְ לְעֶזְרַת הַנָּשִׁים שֶׁל בֵּית הַמִּדְרָשׁ וְהִתְחִיל לוֹמַר תְּהִלִּים בְּלֵב נִשְׁבָּר וְהִתְעוֹרְרוּת וְאָמַר עַד קַאפִּיטְל נוּ"ן, וְהִתְגּוֹלֵל עַצְמוֹ לָאָרֶץ מֵרֹב הַצַּעַר, עַד שֶׁהִתְיַגַּע מְאֹד וַיִּישַׁן וַיַּחֲלֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה, וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמַיְמָה, וְהִתְחִיל לַעֲלוֹת עַל הַסֻּלָּם וְעָלָה קְצָת וְנָפַל. וְעָלָה עוֹד קְצָת וְחָזַר וְנָפַל, וְעָלָה עוֹד קְצָת וְחָזַר וְנָפַל, וְכֵן כַּמָּה פְּעָמִים, וּבְכָל פַּעַם כָּל מַה שֶּׁעָלָה יוֹתֵר הָיְתָה הַנְּפִלָה גְּדוֹלָה יוֹתֵר, וְשׁוּב עָלָה עַד לְרוּם הַמַּדְרֵגוֹת, וְאָז נָפַל וְלֹא יָכוֹל הָיָה לַעֲלוֹת עוֹד. וּבָא אֶחָד בַּחֲלוֹמוֹ וְאָמַר לוֹ: "**דְּרַאפֶּע זִיךְ אוּן הַאלְט זִיךְ**", סִפּוּר זֶה הָיָה בְּעֵרֶךְ שָׁנָה קֹדֶם הִתְקָרְבוּתוֹ לְרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל, אַחַר כָּךְ, כְּשֶׁבָּא אֶל רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל, הִכִּיר בּוֹ מוֹהַרְנַ"תְּ, שֶׁהוּא הָאֶחָד שֶׁאָמַר לוֹ: "**דְּרַאפֶּע זִיךְ אוּן הַאלְט זִיךְ**".

[כא] וזל"ש: **וְשָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁאָמַר, שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה, בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ: אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ, הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ"ל,**

# יעדער איינער קען האבן התבודדות!

**די וועלט זאגט אויף אונז - 'איר האט גענומען וועגן וואס איז נישט שייכות צו אייך'.**

**למשל, דאס ענין פון התבודדות. דאס איז געווען אמאל א וועג פאר גרויסע מענטשן; ווער האט געהאט התבודדות? צדיקים! ווער שמועסט נאך פון 'אויפשטיין חצות' - דאס איז געווען שייך נאר צו גאר גרויסע מענטשן. אבער דער רבי זאגט נישט אזוי - אין תורה כ"ה אין דעם אנדערן חלק - "דאס איז מקטן ועד גדול!"[כב].**

**נאר וואס דען, א קטן דארף זיך נישט אפנארן, ער דארף וויסן זיין ערך ביי וואס ער האלט, ער זאל האבן התבודדות אויף וואס אים פעלט - 'ער קען נישט דאווענען - ער האט מחשבות זרות, ער האט בלבולים!' דארף ער האבן התבודדות אויף זיין ערך - וויסן וואס אים פעלט. אבער התבודדות דארף יעדער איינער האבן.**

(הרה"ח ר' יעקב מאיר שעכטער: ר' אלחנן ספעקטור האט מיר געזאגט, דער חוזה האט געזאגט[כג]: "וַעֲשֵׂה לָהֶם מִכְנְסֵי בָד" - דו זאלסט ארייגליינן ביי דער התבודדות. אט דאס וועט זיין "לְכַסּוֹת בְּשַׂר עֶרְוָה" - דאס איז מסוגל צו שמירת הברית. איי קענסטו מיינען אז נאר גרויסע מענטשן אדער נאר קליינע מענטשן? "מִמָּתְנַיִם וְעַד יְרֵכַיִם יִהְיוּ" - פון גרויס ביז קליין - אלע!)

**דעם רבי'נס זאך איז ממש פאר יעדן איינעם!**

❖

---

**וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם. עַל כֵּן מִי שֶׁרוֹצֶה לִכְנֹס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, יִזְכֹּר זֹאת הֵיטֵב. וְחַזֵּק עַצְמְךָ מְאֹד.**

[כב] וזל"ש: וְדַע, שֶׁכַּמָּה וְכַמָּה צַדִּיקִים גְּדוֹלִים מְפֻרְסָמִים סִפְּרוּ, שֶׁלֹּא בָּאוּ לְמַדְרֵגָתָם, רַק עַל יְדֵי הַנְהָגָה זוֹ. וְהַמַּשְׂכִּיל יָבִין מֵעַצְמוֹ גֹּדֶל מַעֲלַת הַנְהָגָה זוֹ, הָעוֹלָה לְמַעְלָה לְמַעְלָה, **וְהוּא דָּבָר הַשָּׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל**, כִּי כֻּלָּם יְכוֹלִים לִנְהֹג הַנְהָגָה זוֹ, וְעַל יְדֵי זֶה יָבוֹאוּ לְמַעְלָה גְּדוֹלָה. אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בָּזֶה. גם עיין שם סי' ק'.

[כג] עיין זכרון זאת פר' תצוה כח, מב, וז"ל: "ועשה להם מכנסי בד" כו'. עוד יש לומר, תראה להדריכם להיות להם התבודדות לעיין בדרכיהם ולפשפש במעשיהם. וזה "ועשה להם" מכנסי בד" - **להכניס אותם בהתבודדות.** "לכסות בשר ערוה" - שישובו על עוונות שבא מבשר. **הן לגדולים שכוחם חזק, והן לקטנים טוב זה**, וכו' עיין שם.

## אז איין נאכט איז נישט ווי ס'דארף צו זיין...

אין דער הלכה פון "ברכת השחר" (הלכה ה') אויף תורה רט"ו און אויף דער תורה "ואת הערובים"[כד], זאגט רבי נתן דארטן[כה]: די כ"ד שעות ביום איז אנטקעגן די כ"ד בתי דינים.

אויף יעדער שעה איז שורה אנדערע דינים.

דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט, אין דעם מעת לעת האט ער געגעבן א צוויי שעה וואס דאס איז אַן עת רצון, וואס דאס איז ממתיק די אלע כ"ד בתי דינים.

דער רבי זאגט[כו]: "חצות מסוגל כמו פדיון". וואספארא פדיון? דער תירוץ איז, יעדן טאג דארף מען מאכן א פדיון. עס איז דאך דא כ"ד בתי דינים, דאס איז כ"ד שעות. מוז מען האבן א פדיון, האט דער אויבערשטער רחמנות געהאט אויף אונז, ער האט אונז געשענקט אזעלכע צוויי שעה'ען - אט דאס איז דער פדיון.

פלעגן אונזערע לייט נאך זאגן - דאס האב איך געהערט אין אומאן; דער רבי זאגט דאך אין דער תורה[כז]: "עס איז דא א פדיון הכולל פון אלע כ"ד בתי דינים". און דער רבי זאגט סתם: "חצות מסוגל כמו פדיון". פלעגט מען זאגן, וואספארא פדיון? טאקע

---

[כד] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ד'.

[כה] עיין היטב שם ובפרט באותיות נ"ט, ס"ו.

[כו] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קמ"ט: חֲצוֹת לַיְלָה אָקוּם לְהוֹדוֹת לָךְ עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ (תְּהִלִּים קי"ט). **חֲצוֹת הוּא מְסֻגָּל כְּמוֹ פִּדְיוֹן**, כִּי הוּא הַמְתָּקַת הַדִּינִים. כִּי צֶדֶק דִּינָא, וּמִשְׁפָּט רַחֲמֵי. וְזֶהוּ, עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ, הַיְנוּ שֶׁצֶּדֶק גּוֹבֵר עַל מִשְׁפָּט. הַתִּקּוּן לָזֶה, חֲצוֹת לַיְלָה אָקוּם. וְעִקַּר חֲצוֹת הוּא תָּמִיד אַחַר שִׁשָּׁה שָׁעוֹת מִתְּחִלַּת הַלַּיְלָה הֵן בַּקַּיִץ וְהֵן בַּחֹרֶף, וְאָז מַתְחִיל זְמַן חֲצוֹת. וְנִמְשָׁךְ עַד גְּמַר אַשְׁמוּרָה שְׁנִיָּה, **דְּהַיְנוּ שְׁתֵּי שָׁעוֹת**.

[כז] ליקוטי מוהר"ן סי' רט"ו: **דַּע שֶׁיֵּשׁ עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה מִינֵי פִּדְיוֹנוֹת, כִּי יֵשׁ עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה בָּתֵּי דִּינִים. וּכְנֶגֶד כָּל בֵּית דִּין וּבֵית דִּין יֵשׁ פִּדְיוֹן מְיֻחָד לְהַמְתִּיק הַדִּין שֶׁיֵּשׁ שָׁם**, עַל כֵּן לִפְעָמִים אֵינוֹ מוֹעִיל הַפִּדְיוֹן שֶׁעוֹשִׂין, כִּי לֹא כָּל אֶחָד וְאֶחָד יוֹדֵעַ כָּל הָעֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה פִּדְיוֹנוֹת, וַאֲפִלּוּ אִם יוֹדֵעַ אוֹתָם אֵינוֹ עוֹשֶׂה כֻּלָּם, וְעַל כֵּן כְּשֶׁאֵינוֹ עוֹשֶׂה הַפִּדְיוֹן הַמְיֻחָד לְאוֹתוֹ הַדִּין, עַל יְדֵי זֶה אֵינוֹ מוֹעִיל. **אַךְ דַּע, שֶׁיֵּשׁ פִּדְיוֹן אֶחָד שֶׁכּוֹלֵל אֶת כָּל** הָעֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה בָּתֵּי דִּינִין, וְיָכוֹל לְהַמְתִּיק כָּל הָעֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה בָּתֵּי דִינִים, וּלְזֶה הַפִּדְיוֹן צָרִיךְ עֵת רָצוֹן, וכו' עיין שם. גם עיין שיחות הר"ן אות קע"ה; חיי מוהר"ן נ"ה.

אט דער 'פדיון הכולל'! ווייל ער איז דאך ממתיק אלע כ"ד בתי דינים - די אלע כ"ד שעות פונעם יום איז ער ממתיק. דארף דאך דאס האבן יעדער איינער!

נאך א זאך, א מענטש דארף דאך א הצלחת הנפש. גלאט אזוי איז זייער שווער אז דער נפש זאל ווערן אזוי פארראכטן אז עס זאל קענען גיין צוריק לשורשה.

דער רבי זאגט אין תורה ע"ד אין דעם ערשטן חלק: "**כל אדם צריך לרַפאות נפשו**" - יעדער איינער דארף אויסהיילן זיין נפש, "דהיינו להעלותה למקום שורשה". איז דאך עס זייער שווער. דארף איך זוכן סגולות, א הצלחה. די הצלחה איז, דו היט דער צייט פון חצות. עס איז נישט נאר מיט מיינע כוחות - נאר א הצלחה, א ברכה.

איז פארקערט טאקע, ביי א קלענערן מענטש דארף דאך זיין נפש אוודאי האבן א הצלחה, דארף ער דאך אוודאי זעהן צו האלטן אט די הייליגע זאך (- קימת חצות).

כמה מאל שטייט דארטן אין זוהר הקדוש, ווען די חברייא האבן געהערט דארטן פון ר' שמעון'ען זאכן, פלעגן זיי זאגן: "**אלמלא לא באנו לעלמא אלא למשמע דא - דַיי!**".

פלעגן אונזערע לייט זאגן: אויף יעדער עצה פונעם רבי'ן - דער רבי האט אונז געגעבן אַן עצה פון זיך אויסרעדן פאר השי"ת דאס הארץ - 'אלמלא לא באנו לעלמא אלא למשמע דא - דַיי! - דאס איז שוין גענוג! ווער שמועסט נאך וועגן דעם ענין פון חצות.

דער אויבערשטער זאל העלפן טאקע; רבי פנחס'ל קאריצער פלעגט זאגן אויף די נעכט: "אט גייט שוין ארוים די גילדענע נעכט!". אט גייט שוין דער ווינטער, די נעכט ווערן שוין גרעסער - 'אט גייט שוין די גילדענע נעכט!'.

ביי די וועלט איז זומער פרייליכער - זומער גייט א ליכטיגער זומער. ווינטער איז ביי די וועלט אביסל - - אבער רבי פנחס'ל קאריצער האט געזאגט: 'אט גייט שוין ארוים די גילדענע נעכט'.

**רבי נתן, אז עס איז געווען די גרויסער מחלוקת, האט ער אזוי געזאגט: "איין נאכט אז די עבודה איז נישט ביי מיר אזוי ווי עס דארף זיין, אַרט עס מיר מער ווי די גאנצע מחלוקת וואס איז דא!" - ער איז אזוי מקושר געווען מיט דעם תכלית!**

❖

## עיקר השמחה על ידי זכרון בעלמא דאתי דייקא

**די וועלט זאגט אויף אונז: 'ברסלב'ער חסידים זענען עפעס מרה שחורה'דיג - מען הייסט זיי אינזין האבן דעם תכלית, מען הייסט זיי אינזין האבן דעם 'יום המיתה'... דאס איז אבער א געוואלדיגער טעות, ווייל דער אמת איז, דער רבי זאגט[כח]: די וועלט איז 'שלא כסדר', עצבות.**

**דורכן אפרייסן דער וועלט פון 'עלמא דאתי', ליגט מען אין 'שלא כסדר'[כט].**

**זיך דערמאנען אין 'עלמא דאתי', איז נישט פשט - איך דערמאן זיך דארטן אין 'מיתה', נאר אז עס איז דאך דא א 'תענוג נצחי', עס איז דא א תענוג וואס מען וועט דערקענען דעם אויבערשטן, א תענוג וואס דעם תענוג קען מען גארנישט משער זיין!**

**איין רגע פון דארטן איז בעסער פון אלע תענוגים פון דער וועלט![ל]**

---

[כח] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' פ"ב.

[כט] עיין פרפראות לחכמה על ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קי"ט: **העולם הזה כשאינו מחובר בבחינת עולם הבא חס ושלום אזי הוא גיהנם ממש שהוא היפוך מעולם הבא שהוא בחינת גן עדן, ואז אין לו בוודאי שום נחת גם בעולם הזה.** ועיקר שלימות העולם הזה הוא, כשהוא מחובר ומקושר היטב בבחינת עולם הבא, אז גם העולם הזה שלו הוא בחינת כסדר, בחינת עולם הבא, כי באתר דאית דכר נוקבא לא אידכר תמן כי באמת גם העולם הזה מתנהג הכל כסדר ובהשגחה אמתיית עם כל אחד ואחד כפי בחינתו וכפי טובתו הנצחית בעולם הבא ומי שזוכה לידע זאת ולהאמין בזה באמונה שלימה בוודאי הוא חי חיים טובים גם בעולם הזה.

[ל] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז', אות ו': **כָּל הַזְּמַן שֶׁל כָּל הָעוֹלָם הַזֶּה כֻּלּוֹ, מַה שֶּׁהָיָה וּמַה שֶּׁיִּהְיֶה, הוּא כְּלוֹ אַיִן וָאֶפֶס נֶגֶד יוֹם אֶחָד, וַאֲפִלּוּ נֶגֶד רֶגַע אַחַת שֶׁל עוֹלָם הַבָּא.**

**אז מען דערמאנט זיך אמאל אז סוף כל סוף וועט ער פארט זוכה זיין צו אזא מין תענוג - אט דאס איז דאך דער עיקר שמחה![לא]**

**אבער איינער וואס ער ווייסט נישט פון עלמא דאתי, ער טראכט נאר פון דער וועלט - די וועלט איז דאך כסדר פול מיט יגון ואנחה - ווי קען ער גאר זיין פריילך?![לב]**

**איז דאך פונקט פארקערט גאר, דער תכלית ברענגט גאר צו שמחה; מען קען נישט ארויסכאפן א נקודה פון שמחה אויב מען האט נאר אינזין דער וועלט[לג].**

❖

[לא] עיין כוכבי אור - ששון ושמחה, תפילה א': רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִיםסף מְקוֹר כָּל הַתַּעֲנוּגִים וְהַשְּׂמָחוֹת שֶׁבְּכָל הָעוֹלָמִים, **הֱיֵה בְּעֶזְרִי לִשְׁמֹר הֵיטֵב אֶת הַזִּכָּרוֹן** בְּכָל נְקֻדָּה וּנְקֻדָּה שֶׁל סוּר מֵרַע וַעֲשֵׂה טוֹב בְּמַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה, שֶׁהִיא הַמְקַשֶּׁרֶת אֶת נִשְׁמָתִי בְּדַעַת אֱלֹהוּתְךָ בְּדַעַת לְמַעְלָה מִדַּעַת וּבְעֹנֶג לְמַעְלָה מֵעֹנֶג עַד בִּלְתִּי תַּכְלִית עָזְרֵנִי לְהַעֲמִיק מְאֹד בָּזֶה אֶת זִכְרוֹנִי וְכָל פְּנִימִיּוּת רַעְיוֹנַי, **בְּאֹפֶן שֶׁאֶזְכֶּה לִשְׂמֹחַ בְּכָל נְקֻדָּה וּנְקֻדָּה כָּרָאוּי לִשְׂמֹחַ בָּזֶה**, כִּי אַתָּה הוּא עֶצֶם הַטּוֹב דְּטוֹב וְהָעֹנֶג דְּעֹנֶג וְהַשִּׂמְחָה דְּשִׂמְחָה עַד בִּלְתִּי תַּכְלִית, וְאֵין סוֹף וּגְבוּל לְאַהֲבַת וְחֶמְדַּת שִׁמְךָ וּכְבוֹדְךָ בְּאַהֲבָה דְּאַהֲבָה וְחֶמְדָּה דְּחֶמְדָּה וְכוּ', כִּי אַתָּה הוּא אַהֲבַת נְעִימַת חִיּוּתִי אֵיךְ שֶׁעוֹבֵר עָלַי בְּגוּף וָנֶפֶשׁ (יְפָרֵשׁ כָּאן כָּל מַה שֶּׁעוֹבֵר עָלָיו) כִּי אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁכָּל מִינֵי יִסּוּרִים וְכָל מִינֵי עֲנִיּוּת וְכָל מִינֵי מַחֲלָה וְכָל מִינֵי מַכְאוֹבִים **וְכָל מִינֵי עוֹנָשִׁים שֶׁבָּעוֹלָם הַזֶּה וְשֶׁבָּעוֹלָם הַבָּא, כֻּלָּם כְּלָּם כְּאֶפֶס וְאַיִן מַמָּשׁ הֵם נֶחְשָׁבִים נֶגֶד הַתַּעֲנוּג הַנִּפְלָא שֶׁל הַדְּבֵקוּת בֶּאֱלֹהוּתְךָ**, וּבְהַנְּעִימוּת דִּנְעִימוּת שֶׁל תּוֹרָתְךָ וְדִבְרֵי צַדִּיקֶיךָ **שֶׁיִּזְכֶּה כָּל אֶחָד**, עכ"ל. עיעו"ש בההערות שם. גם עיין באריכות בליקוטי הלכות ברכת הודאה ה"ו, אות י"ב, ובהל' פסח ה"ט אותיות יז-י"ח, ובהל' בכור בהמה טהורה ה"ד אותיות י"ז, כ', איך שע"י יראת העונש דייקא באין לשמחה.

[לב] עיין ליקוטי הלכות הל' נפילת אפים ה"ד, אות ד': **כִּי זֶה כָּל אָדָם יָכוֹל לְהָבִין שֶׁבָּעוֹלָם הַזֶּה אֵין שׁוּם שִׂמְחָה בָּעוֹלָם**, כִּי מַה יִּתְרוֹן לְאָדָם בְּכָל עֲמָלוֹ שֶׁיַּעֲמֹל תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ. וְאִם יִצְבֹּר כֶּעָפָר כֶּסֶף וְזָהָב סוֹף כָּל סוֹף מַה יִּתְרוֹן לוֹ בְּכָל זֶה כִּי לֹא בְמוֹתוֹ יִקַּח הַכֹּל. וְהַכֹּל יוֹדְעִין שֶׁסּוֹף אָדָם לָמוּת וְיָמֵינוּ כְּצֵל עוֹבֵר, וּמִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ רַק אֵיזֶה רְשִׁימָה בְּעָלְמָא שֶׁל שֵׂכֶל אֲמִתִּי אֲפִלּוּ נָכְרִי יָכוֹל לְהָבִין שֶׁאֵין שׁוּם שִׂמְחָה בְּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, כִּי אַחֲרִית שִׂמְחָה תוּגָה, וְעַל זֶה נֶאֱמַר וּלְשִׂמְחָה מַה זֹּה עוֹשָׂה (קֹהֶלֶת ב). וְעַל כֵּן אֵלּוּ הַמְחַקְּרִים וְהַכּוֹפְרִים אֵין לָהֶם שׁוּם שִׂמְחָה אֲמִתִּית כְּלָל. וְהַכָּרַת פְּנֵיהֶם עָנְתָה בָּם שֶׁעַל פִּי רֹב הֵם מְלֵאִים עַצְבוּת יָגוֹן וַאֲנָחָה. **כִּי מֵהֵיכָן יְקַבְּלוּ חִיּוּת וְשִׂמְחָה אֲמִתִּית** מֵאַחַר שֶׁכּוֹפְרִים בְּתוֹרָתוֹ הַקְּדֹשָׁה וּבַעֲשִׂיַּת מִצְוֹתָיו יִתְבָּרַךְ.

[לג] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ה, אות כ': **תֵּכֶף כְּשֶׁזּוֹכְרִין בָּעוֹלָם הַבָּא צָרִיךְ כָּל אֶחָד לִשְׂמֹחַ בְּחֵלֶק נְקֻדָּתוֹ הַטּוֹבָה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ מִקְּדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל**. כִּי **נְקֻדָּה דִּנְקֻדָּה** מִקְּדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל שֶׁיֵּשׁ **לְהַפָּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים** שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל, **אֵין כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ כְּדַאי לִסְבֹּל תֹּקֶף עֹצֶם הַשִּׂמְחָה שֶׁיִּזְכֶּה לֶעָתִיד**. כִּי אָז יִזְכֶּה כָּל מִי שֶׁבְּשֵׁם יִשְׂרָאֵל מְכֻנֶּה לִבְחִינַת שֹׂבַע שְׂמָחוֹת, שֶׁתִּגְדַּל הַשִּׂמְחָה כָּל כָּךְ שֶׁיִּהְיֶה בָּהּ לְהַשְׂבִּיעַ דַּי וְהוֹתֵר אֶת כָּל אֶחָד וְאֶחָד **אֲפִלּוּ הַקָּטָן שֶׁבַּקְּטַנִּים**.

# נישט זיין קיין 'רואה פני גיהנום'

עס איז געווען טאקע, איינער איז געווען ביי רבי נתן'ען, האט רבי נתן אים געזאגט: "זאג איך דיר, אז דו וועסט זיין כסדר פרייליך - וועסטו נישט זיין קיין רואה פני גיהנם!"[לד]. דער שווער (- ר' אהרן קיבליטשער) האט נאך געקענט דעם דאזיגן מענטש. ער איז נישט געווען פרייליך. ער האט געזאגט: "רבי נתן האט מיר אזוי געזאגט - און איך קען נישט אזוי, ס'איז מיר אזוי שווער צו זיין פרייליך!".

מיין שווער ע"ה איז געווען פון די אלטע חסידים - "ר' אהרן קיבליטשער" - א 'שם דבר'! א גרויסער ארעמאן געווען, אַן עני ואביון, אבער זיין עבודה וואס איז געווען - איך קען גארנישט משער זיין זיין עבודה - זיין חצות מיט זיין - -

אַן ארעמאן געווען; איך זאל אויסמאלן זיין איבערבייס? א שטיקל ברויט אנגעריבן מיט קנאבל, מיט אביסל ווארעמע וואסער, דאס איז געווען זיין איבערבייס.

זומער דארטן פלעגט ער זיך צושפארן אזוי אויף דער האנט אויף א האלבע שעה, און גענומען דעם ליקוטי תפילות, מיט א שולחן ערוך, מיט א זוהר, אוועקגעגאנגען אין פעלד אריין, און געקענט קומען פארנאכט קריק. ער פלעגט אפטוהן א זומער טאג אין פעלד - א זיבעצן-אכצן שעה - אזא מין עובד איז ער געווען - דער שווער!

נאר וואס דען, ער איז געווען אזא מין פרייליכער, זיין שמחה איז געווען געוואלדיג![לה]

ער פלעגט אריינקומען אין שטוב אריין, אזא מין ארעמקייט געווען אין שטוב, אבער ער האט געמאכט אזוי פרייליך דער שטוב, אז עס איז געווען ממש גליך ווי ער גיט זיי. בגשמיות האט ער דאך זיי גארנישט געגעבן, אבער ער האט אזוי פיל פרייליך געמאכט

---

[לד] עיין ליקוטי מוהר"ן קס"ט, שע"י שמחה הקב"ה בעצמו שומר אותו בקדושה. גם עיין שם סי' קפ"ט שעיקר נשיכת הנחש הוא עצבות ועצלות.

[לה] עיין טעם זקנים קונטרס קכ"א: דער שווער - א געוואלד, א איד אזא מין ארעמאן - און נאך אזוי פרייליך, און נאך אריינגעברענגט ביי יענעם! ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט צופארן קיין קיבליטש ער זאל אים מאכן פרייליך אין דער עבודה! ער איז געפארן קיין קיבליטש צו ר' אהרן'ען - אהרן האט אים געמאכט פרייליך!

דער שטוב - די שטוב איז געווארן אזוי פיל פרייליך. די קינדער האבן אים אזוי ליב געהאט - אהבת נפש האבן זיי ליב געהאט דעם טאטן.

מיר האבן געזעהן דעם כח פון אזא אידן! אזא מין עני ואביון זאל אזוי פרייליך מאכן דער שטוב? נאר די אמונה און דער בטחון איז אזויפיל גרויס געווען!

די עבודה וואס דער רבי האט געגעבן אונזערע לייט - דאס איז נישט קיין עבודה וואס עס מאכט מרה שחורה'דיג, אדרבה, דאס מאכט גאר פרייליך, דאס איז א שורש פון שמחה!

❖

## "טאטע, וואו דיין 'חוט של חסד ביום'?"

טאקע איינער פון אונזערע לייט דארט (אין פוילן) - ר' אלחנן האט מיר דערציילט פון דעם אידן פון ווארשע, פלעגט ער אלע נאכט אויפשטיין חצות אין דינען דעם אויבערשטן - און געווען אַן ארעמאן.

האט אים דארטן זיין בחור געפרעגט: "טאטע, די גמרא זאגט דאך[לו]: 'הלומד תורה בלילה נמשך עליו חוט של חסד ביום'; דו לערנסט תורה ביינאכט, און מיר זענען אזוי אין אזא עניות?"

(השיב לו:) "דער חוט של חסד איז, אז מארגן שטיי איך ווידער אויף!". אט דאס איז מיין 'חוט של חסד' - אז איך שטיי מארגן אויף נאכאמאל...

ווייל 'הלומד תורה בלילה' - און דער בעל דבר זאל נאך שווייגן?! נאר וויבאלד עס איז דא דער 'חוט של חסד' - קען איך מארגן נאכאמאל אויפשטיין.

אט דאס איז דער 'חוט של חסד' מיינער.

❖

---

[לו] חגיגה יב:

# נישט געוואוסט אז זיין איידעם לערנט ליקוטי מוהר"ן

עס איז דא בריוון ווי ר' נחמן טולטשינער שרייבט מכתבים[לז] צו ר' יחזקאל העשיל - איך האב אים געקענט. זיין שווער איז געווען ר' איצעלע הייסינער; רבי נתן שרייבט אין די בריוון אסאך צו ר' איצעלע הייסינער, ער איז אים משבח - געווען א גדול פון אונזערע לייט. ער איז געווען זיין שווער. איך האב געקענט דעם איידעם - ר' יחזקאל העשיל.

האט ער מיר דערציילט, אז זיין שווער האט אים דערציילט: נאך דער חתונה איז ער געזעצן און געלערנט, און פארנאכט האט ער געלערנט ליקוטי מוהר"ן. האט דער שווער געזעהן ווי ער לערנט ליקוטי מוהר"ן - "וואס איז דאס?", זאגט ער "איך בין א ברסלב'ער חסיד" - "אוי, איך באשטיי נישט, איך וויל נישט!". האט ער געוואלט מען זאל זיך גט'ן. אבער די טאכטער האט נישט געוואלט, איך וועל נישט האבן נאך אזא מאן - איך וויל זיך נישט גט'ן.

איז געבליבן; רבי מאטעלע טשערנאבלער פלעגט אלע יאר זומער קומען קיין הייסין - א שטעטל נישט ווייט פון אומאן. נו, אז רבי מאטעלע וועט קומען, וועט ער אריינגיין מיט אים צו רבי מאטעלע'ן און ער וועט אים אנפרעגן היות ער האט גענומען אַן איידעם און ער האט נישט געוואוסט און ער לערנט ליקוטי מוהר"ן.

רבי מאטעלע איז געקומען. האט ער אנגעשריבן א קוויטל, האט ער געשריבן אין קוויטל, 'איך האב גענומען אַן איידעם, איך האב נישט געוואוסט ווער ער איז, צום סוף זעה איך אז ער לערנט ליקוטי מוהר"ן', און ער האט איבערגעגעבן דאס קוויטל צו רבי מאטעלע'ן.

רבי מאטעלע ליינט איבער דאס קוויטל. ער האט געהאט א גבאי, ער האט געהייסן "חלאוונע". זאגט ער אים: "חלאוונע, גיב מיר נאר אהער דעם ליקוטי מוהר"ן!". האט ער אים צוגעטראגן דעם ליקוטי מוהר"ן.

---

[לז] נדפסו בסו"ס עלים לתרופה - עיין שם.

**זאגט ער אים אזוי: "איך האב אינדערהיים שיעורים קבועים מערער ווי איך האב אין וועג; אין וועג האב איך אויך שיעורים קבועים, אבער נישט אזויפיל ווי אינדערהיים. ליקוטי מוהר"ן איז ביי מיר פון די שיעורים קבועים - אפילו אין וועג לערן איך אויך ליקוטי מוהר"ן. גיסטו מיר א קוויטל אז דיין איידעם לערנט ליקוטי מוהר"ן?!". נו שוין. אפגעקלאפט.**

אז רבי מאטעלע האט געלערנט אין וועג ליקוטי מוהר"ן, ער האט מיטגענומען מיט זיך א ליקוטי מוהר"ן אויפן וועג, און אינדערהיים - אוודאי, דארפן מיר דאך האבן א מוסר השכל...

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מו"ה מרדכי
צייטלין הי"ו
ניו העמפסטעד
לרגל אירוסי בתו עם החה"ח נתן
בנימין רויז ני"ו למזל טוב

מו"ה יואל בלייער הי"ו
מאנסי
לרגל אירוסי בנו החה"ח נח ני"ו
עב"ג מו"ה איתמר טובי'
ווידער - קרית יואל למזל טוב

מו"ה פישל
מינצבערג הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה שמעון ישראל
פאזען הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל אירוסי בנו
החה"ח יוסף ני"ו למזל טוב

מו"ה נחמי'
ווייס הי"ו
בארא פארק
לרגל אירוסי בנו החתן משה
יעקב ני"ו עב"ג מו"ה נטע
פירטה - בלומינגראוו למזל
טוב

חלק מההוצאות נתנדב לרפואת
יצחק שלמה בן אסתר
לרפו"ש

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
אלטר נפתלי בן-ציון בן מינדל
לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה ע"ה בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים